בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְּ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

תשפ"ד

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ מוֹרָא פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?..............................א

אִיז דָא אַ וֶועג אֵייבִּיג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ?..............................ב

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס? .................ה

וָואס מֵיינְט "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים", וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת?......ז

זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן?..............................ט

מַיין מַאן אִיז שְׁוַואךְ, דַארְף אִיךְ אִים נָאכְגֶעבְן?..............................י

מֶעג מֶען אוֹיסְקֶעמֶען דִי בָּארְד?..............................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּם מַאן ..............................א

וַוארְפְט אַוֶועק אַייעֶר סמ' טֶעלֶעפָאן אוּן גֵייט צוּרִיק צוּ אַייעֶר מַאן ..............ב

אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת פוּן מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין..............................ג

נִחוּם אֲבֵלִים אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּנֶעם טַאטְן ..............................ג

אַרְבֵּייטֶער אָן אַ סמ'-פָאוֹן אוּן אָן אַ טֶעבְּלֶעט ..............................ד

חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ צַייט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת ..............................ה

מִיט אֱמוּנָה לֶעבְּט מֶען אַ זִיסֶע לֶעבְן, אָן זָארְג, אוּן אָן שְׁרֶעק ..............ז

קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל ..............ח

אִין דִי פַּארְנוּמֶענְסְטֶע צַייט, לוֹיפְסְטוּ אַרוּם פַּארְדְרֶעכְטְן דִי עֵירוּב ..............ח

דִי פְּרוּוְועֶן הַצָּלָה זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן הַלָכָה'דִיג ...............................ט

אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט, לַיידְט מֶען ............................................................י

אַוֶועקְשְׁטֶעלְן קַאמֶערֶעס אוֹיף דִי גַאסְן אִין שְׁטֶעטְל ............................יא

אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר פַּאר שֵׁיין שְׁרַייבְּן אוּן רֶעכֶענֶען ............................יב

קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ.......................................יג

בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב .....................יד

שְׁמִירָה אִין שְׁטֶעטְל וֶוען מֶען פָּארְט קַיין אוּמַאן ..................................יד

זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף דִי קִינְדֶער ............................. טו

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט עֶס זָאל זַיין אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ ................................ טז

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין אַיינְשְׁטִימִיג מִיט דִי מוֹסָד ..................................יז

חִינוּךְ אִיז, זִיךְ אַלֵיין פַּארְדְרֶעכְטְן, מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה..............................יז

מִתְנַדֵּב זַיין בּוֹדֵק צוּ זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל דִי גַאנְצֶע יָאר ....................יט

וָואס אִיז דִי סוֹד פַּארְוָואס דִי מוֹסְדוֹת זֶענֶען אַזוֹי מַצְלִיחַ?.....................יט

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁרֵייבְּסְט נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ................................ כ

שִׁיקְן קְלֵיידֶער אוּן שִׁיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ..................כא

דוּ רֶעדְסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב?..............................כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מוֹרָא פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן. הַיינְט אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִי שׁוּלֶע, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט שְׁרַייבְּן אוֹיף אוּנְז, אִיךְ בֶּעט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גוּטֶע יָאר, נָאכְאַלְץ הָאבּ אִיךְ אָבֶּער מוֹרָא וָואס גֵייט זַיין, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין בַּיי יֶעדְן אִיד, וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דַארְף אָנְכַאפְּן אַ פַּחַד 'וָואס גֵייט מֶען מִיר דַן זַיין דֶעם יוֹם הַדִּין?' מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, מִיט טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אוּן פַארֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי פַּחַד - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן, מִיט דִי מִצְוֹת**

און מִיט דִי אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן, און טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִרְאָה און מִיט אַהֲבָה, מִיט פָּארְכְט און מִיט לִיבְּשַׁאפְט, עֶס מוּז גֵיין בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ג׳) דֶער סֵדֶר אִין דִי וֶועלְט אִיז, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מִשְׁפָּט טוּט זִיךְ אָן שְׁוַוארְץ און לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן זַיינֶע הָאר, עֶר גֵייט צוּם מִשְׁפָּט טְרוֹיעֶרִיגֶערְהֵייט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען וֶועט אִים מִשְׁפָּט׳ן, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל אֵינָן כֵּן", אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה - טוּעֶן נִישְׁט אַזוֹי, "אֶלָּא לוֹבְשִׁים לְבָנִים", זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן שֵׁיינֶע ווַייסֶע קְלֵיידֶער, מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, מֶען עֶסְט און מֶען טְרִינְקְט מִיט גְרוֹיס פְּרֵייד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיז דָא אַ וֶועג אֵייבִּיג צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער, מְתוּבָּל בְּדִבְרֵי מוּסָר, אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה אוֹיף דֶעם וָואס חֲסִידוּת׳ן פַארְפָארְן פוּן זֵייעֶר אָרְגִינֶעלְן וֶועג, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זַייט דֶעמָאלְט מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן מֶער אַ פָּאזִיטִיוֶוע בְּלִיק אוֹיף קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל און עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ ווַייטֶע וֶועג צוּ גֵיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, און אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אַ בְּרִיוו - מַאכְט עֶס מִיךְ פַאר אַ בֶּעסֶערֶער אִיד, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין בֶּעסֶער און עֶרְלִיכֶער.

אִיךְ הָאבּ שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, און אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן און זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין

אויב דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר בַּאגְלִיקְן און מִיר עֶנְטְפֶערְן, עֶס וֶועט מִיר הֶעלְפְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר חֳדָשִׁים פַּארְלָאפְן פון דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יום טוב פֶּסַח העעל"ט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס עֶגְבֶּערְט מִיר נָאךְ פון דֶעמָאלְט.

אום חול הַמּוֹעֵד הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַן אִינְטֶערְוְויוּ אויף "קוֹל בְּרֶסְלֶב", ווי אֵיינֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַז דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין ווייבּ פֶּסַח בַּיינַאכְט וָואס זִי וִויל פַאר אֲפִיקוֹמָן. עֶס אִיז מִיר גֶעפָאלְן דֶעם גֶעדַאנְק, אִיךְ הָאבּ אויךְ גֶעוָואלְט זַיין אַ גוּטֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מַיין ווייבּ וָואס זִי וִויל פַאר אֲפִיקוֹמָן, אֶפְשָׁר אַ צִירוּנְג, אָדֶער עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע זַאךְ, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי וִויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס זִי קֶען וֶועלְן, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי וִויל אִיךְ זָאל אִיר צוּזָאגְן אַז אִיךְ וֶועל אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ און קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מוּט אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אויף דִי מִינוּט קֶען אִיךְ אִיר דָאס נִישְׁט צוּזָאגְן, אָבֶער אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מִיט דִי צַייט וֶועט דָאס גֶעשֶׁען.

שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי, אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מַאן זָאל בֶּאֱמֶת קֶענֶען צוּזָאגְן פַאר זַיין אֵשֶׁת חַיִל אַז עֶר גֵייט אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ און קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין מִיט אַ אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז? אִין לֶעבְּן זֶענֶען דָאךְ דָא אַלֶע סָארְט מַצָּבִים, אַלְץ קֶען זִיךְ מַאכְן אַז זַאכְן זָאלְן גֵיין מִיטְן לִינְקְן פוּס, וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין ווייבּ וֶוען זִי וֶועט מִיךְ פְרֶעגְן וָואס אִיז גֶעוָוארְן מִיט מַיין אֲפִיקוֹמָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי און אַוַדַאי קֶען יֶעדֶע אֵיינֶער אָנְקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, בִּפְרָט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, און לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אַזוֹי ווִי אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו), עַיֵּין שָׁם.**

לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דֶער בֶּן הַשִּׂמְחָה וָואס אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם מְנַחֵם וּמְשַׂמֵּחַ, עֶר טוּט יֶעדְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶער רֶבִּי אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיינֶע סְפָרִים; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - זֶעט מֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס פָּנִים, מֶען טְרֶעפְט דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה.

זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט; מִיט דַיין תְּפִילִין, מִיט דַיין צִיצִית, זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', אַ גּוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט, בִּיסְט אַ אִיד, אַ חֵלֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט - וֶועסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ" פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן" וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ" וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ" אָבֶּער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת" אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ" מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת" וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? "וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא עַל יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל כָּל פָּנִים" מֶען זָאל

אוֹיפְזוּכְן אִין זִיךְ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, פְרֵיי זִיךְ - "בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל" אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כ"ו), "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ, לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא יָבִינוּ, כִּי עִיקַר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", אַז מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק הָאֱמֶת אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן עֶס נִישְׁט, וֶועלְן עֶס פַארְשְׁטֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל דִי עִיקַר תּוֹרָה וֶוערְט גֶעזָאגְט פַאר דִי נְשָׁמוֹת.

וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ, אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ לֶערְנְט מֶען דָאךְ אוֹיס אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט אִיז לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן הֶערְן תּוֹרָה פוּן אַ צַדִּיק וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט? דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק אִיז דָאךְ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה?

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, ווִי מֶער אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין דִי זַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זֶע אִיךְ ווִי דָאס זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְגְט מִיר אַסַאךְ מָאל אַן אוּמְאַנְגֶענֶעמֶע גֶעפִיל.

לְמָשָׁל, וֶוען עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע וֶועטֶער, עֶס רֶעגְנְט, אַז מֶען 'לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה' וַוייסְט מֶען אַז דִי רֶעגְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט סְתָּם עֶס אִיז אַ טֶבַע, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן בְּרוֹגֶז, פַארְוָואס רֶעגְנְט אַזוֹי סַאךְ? פַארְוָואס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי רֶעגְן זָאל מַאכְן אַזוֹי נֶערְוֶועז?

אָדֶער בַּיי אַנְדֶערֶע נִישְׁט בַּא'טַעֲמְ'טֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, טַאקֶע וַוייל מֶען 'לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה', שְׁפִּירְט מֶען מֶער אַז דִי שְׁוֶועריקַייטְן קוּמֶען גְלַייךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פִּילְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיר דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קֶען מֶען וֶוערְן מֶער טְרוֹיעֲרִיג.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַכִּיר אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז פוּן שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב), דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ" אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶועןן זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל, חַס וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר ווֵייסְן נִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

יֶעדֶע קַשְׁיָא אוֹיף דִי אֱמוּנָה, יֶעדֶע פַארְוָואס אוֹיף וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַ קְלִיפָּה; עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קטו, ב): "לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "לָמָּה, יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי ווִי ווִיל - 'פַארְוָואס?' עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן זַאכְן וָואס גֵייעֶן קֶעגְן זַיין ווִילְן, לְהַבְדִּיל אַ אִיד, פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט חַזֶרְ'ן דִי אֱמוּנָה, חַזֵר זִיךְ אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַנְדֶערְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט

מַאכְן פַארְקֶערְט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז דִי סוֹדוֹת פוּן דִי בְּרִיאָה, מִיר דַארְפְן נָאר חַזֶרְ'ן "כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא" אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - "לְטַב עָבִיד" אִיז צוּם גוּטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְט זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי בְּרִיאָה, וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, וֶועסְט שְׁפִּירְן טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס מֵיינְט "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים", וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט רַחְמָנוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַארְן מְחַזֵק זַיין אַזוֹי סַאךְ אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז יֶעצְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען גֵייט יֶעצְט זָאגְן אַסַאךְ מָאל "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיין קִינְד, ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס מֵיינְט, ווַייל מַיין טַאטֶע הָאט בִּכְלַל נִישְׁט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, עֶר הָאט מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זָאגְן "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים"?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיךְ מַאכְן מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב, סִימָן קג) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קג, יג): ״כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים״ אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי זָאלְסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אוּנְז.

״תָּנֵי רַבִּי חִיָּיא״ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא, ״כְּרַחֲמָן שֶׁל אָבוֹת״ דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט אַ טַאטֶע צוּ אַ קִינְד, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, רֶבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא זָאגְט, ״זֶה אַבְרָהָם״ דָאס מֵיינְט מֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן סְדוֹם, ״כֵּן תְּרַחֵם עָלֵינוּ״ אַזוֹי זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז.

רֶבִּי בְּרֶכְיָה זָאגְט ״כְּיַעֲקֹב אָבִינוּ״, דָאס מֵיינְט מֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען עֵשָׂו אִיז אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: ״וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם״, עֶר אִיז אַרִיבֶּער פַאר זֵיי, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״מוּטָב לִי שֶׁיִּפָּגַע בִּי״, עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר מִיךְ טְשֶׁעפֶּען, ״וְאַל יִפָּגַע בְּבָנַי״, וִוי אֵיידֶער מַיינֶע קִינְדֶער; דָאס בֶּעטְן מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ״כֵּן תְּרַחֵם עָלֵינוּ״, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי לֶעצְטֶע עֶטְלִיכֶע יָאר הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיךְ דָאס יָאר פָּארְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָּארְן, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בָּארְג נִישְׁט קַיין גֶעלְט, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין חוֹבוֹת, נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס לֵייגְט אַזוֹי צוּגְרִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי הָאבְּן חוֹבוֹת; מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר בִּיטֶער.

אַנְשְׁטָאט בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן מֶענְטְשְׁן אוֹיבּ זֵיי ווִילְן דִיר הֶעלְפְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נָאכְנִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶרֶע מְנִיעוֹת, אוּן זֵיי זוּכְן צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן.

רוּף דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע, פְרֶעג זֵיי אוֹיבּ זֵיי ווִילְן נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דַיין נְסִיעָה, אוּן אַז מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "פַארְדֶעם גֵייסְטוּ נָאךְ גֶעלְט? אַז מֶען הָאט נִישְׁט פָארְט מֶען נִישְׁט!" זָאלְסְטוּ זָאגְן: "דֶער רֶבִּי הַאלְט מִיךְ בַּיים לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי אִיז מַיין דָאקְטֶער, דֶער רֶבִּי אִיז מַיין לוֹיעֶר, דֶער רֶבִּי אִיז מַיין שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער, אִיךְ מוּז פָארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): 'הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי', אִיךְ הָאבּ

**בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֵויס וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳, אוּן נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

## מַיין מַאן אִיז שְׁוַואךְ, דַארְף אִיךְ אִים נָאכְגֶעבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בַּאקוּם אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, מִיר הָאבְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דְרַיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ אוּן מַיין מַאן קוּמֶען בֵּיידֶע פוּן נֵייטְרַאלֶע חֲסִידִי'שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, אָבֶער מַיין מַאן הָאט פַארְשִׁידֶענֶע מָאדֶערְנֶע שִׁיטוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן זַייט אוּנְזֶער חֲתוּנָה הָאבְּן מִיר כְּסֵדֶר גֶעהַאט חִילוּקִים אִין הַשְׁקָפָה, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מַיין מַאן ווִיל נִישְׁט הָאבְּן צוּפִיל קִינְדֶער, עֶר טַעְנָה'ט אַז עֶס אִיז צוּפִיל פַאר אִים, עֶר דַארְף מֶער צַייט פַאר זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט, עֶר מַאכְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַּרְנָסָה נָארְמַאל, מִיר קֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶעקְן חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וֶוערְט אַבִּיסְל שְׁוֶוער. אִיךְ זָאג אִים אַז דָאס דַארְף מֶען דוּרְכְרֶעדְן מִיט אַ רָב, עֶר וויל אָבֶער נִישְׁט.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע דְרַיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אָבֶער וֶוען אִיךְ בֶּעט אִים צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁרַייט עֶר מִיךְ אָן: "דוּ הָאסְט זֵיי גֶעוָואלְט, זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי". עֶר הֶעלְפְט לְמַעֲשֶׂה צוּם סוֹף, אָבֶער עֶס הָאט שׁוֹין יֶענֶע טַעַם, אוּן אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט נָאךְ קִינְדֶער.

אוּנְזֶער יוּנְגְסְטֶע קִינְד דַארְף יֶעצְט גֵיין אִין חֵדֶר, עֶר ווִיל שִׁיקְן אִין אַ מָאדֶערְנֶע חֵדֶר, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְקֶעגְן, אִיךְ ווִיל אִים שִׁיקְן נָאר אִין אַ הֵיימִישֶׁע חֵדֶר.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז מַיין מַאן סְתָם אַזוֹי נִישְׁט דֶער עֶרְלִיכְסְטֶער אִינְגֶערְמַאן, זֶעט נִישְׁט

אוֹיס וִוי אִידִישְׁקֵייט אִינְטֶערֶעסִירְט אִים צוּ שְׁטַארְק, עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ אָפְּט דַאוֶונֶען אִין שׁוּל. עֶר גֵייט טַאקֶע יֶעדֶע נַאכְט צוּ אַ שִׁיעוּר, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אִים שְׁטַארְק גֶעשְׁטוּפְּט צוּ טוּן, אָבֶּער זַיין הַשְׁקָפָה אִיז גָאר גָאר שְׁוַואךְ.

אוֹיךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מָאל אוֹיף, עֶר קֶען אַסַאךְ מָאל שְׁרַייעֶן אוֹיף מִיר, אִיךְ פִּיל זִיךְ פַארְלוֹירְן; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַאכְן וָואס הָאט מִיט אַייעֶר מַאן פְּרִיוַואט, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען, זַיין רוּחָנִיּוּת וְכוּ׳ - אוֹיף דִי זַאכְן זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן, אָבֶּער זַאכְן וָואס הָאט מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת - אוֹיף דֶעם זָאלְט אִיר שְׁטֵיין פֶּעלְזְן פֶעסְט אוּן נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף אַ פִּינְטְל, אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, שְׁרַייבְּט זֵיי אַיין אִין אַן עֶרְלִיכֶע פְרוּמֶע מוֹסָד, בַּיי דֶעם מַאכְט נִישְׁט קַיין פְּשָׁרוֹת.

אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִיר זָאלְט אוֹיפְזוּכְן אִין אַייעֶר מַאן עֶפֶּעס גוּטְס, אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס, אִיר זָאלְט טְרַאכְטְן פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן, מִיט דֶעם וֶועט אִיר גֶעוִוינֶען זַיין הָארְץ אוּן מֹחַ; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), וֶוען מֶען טְרַאכְט גוּט - אֲפִילוּ אוֹיף אַ רָשָׁע - קֶען מֶען יֶענֶעם אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹב, מֶען קֶען אִים מַאכְן פַאר אַ צַדִּיק.

עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס לַיידְן וְכוּ׳; אוֹיבּ ווִילְן זֵיי אוֹיפְגֶערַאכְטְן וֶוערְן - זָאלְן זֵיי זוּכְן אִין זֵייעֶר מַאן אַ פִּינְטְל גוּטְס, אוּן טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם, אוּן אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַאן וְכוּ׳; וֶועלְן זֵיי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

אויך איז וויכטיג איר זָאלט זַיין אָפְן מִיט אִים, זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט און וֵוייכֶערְהֵייט, זָאגְט אִים: "מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ וֶוער בַּאלֵיידִיגְט פון דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר, וֶוען דוּ שְׁרֵייסְט אויף מִיר וֶוער אִיךְ וֵויי גֶעטוּן", זָאגְט אִים: "אִיךְ פַארְלַאנְג דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ מִיר שֵׁיין".

עֶס אִיז אַ יְסוֹד אִין שָׁלוֹם בַּיִת צוּ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זַיין אָפְן מִיט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט. אוֹיב מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעגֶעסְן, און דִי גַאנְצֶע לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט, בִּיז דִי שְׁטוּב וֶוערְט אויס חַס וְשָׁלוֹם.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר נִיצְן דִי עֵצָה פון אַלֶע עֵצוֹת, דִי סְגוּלָה פון אַלֶע סְגוּלוֹת, דִי מִיטְל פון אַלֶע מִיטְלֶען - תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אויס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס אִים עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, וַוייל וָואס תְּפִלָּה פּוֹעֶל'ט - קֶען קַיין שוּם זַאךְ נִישְׁט פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶעג מֶען אוֹיסְקֶעמֶען דִי בָּארְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֵוייסְט וָואס גֵייט פָאר אִין גֶעווִיסֶע יְשִׁיבוֹת, אַז שְׁטִילֶערְהֵייט שְׁנַיידְן זִיךְ בְּחוּרִים אַבִּיסְל דִי בָּארְד, מֶען ווִיל אוֹיסְזֶען שֵׁיין און 'נָארְמַאל', און נָאר בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע בָּארְד, און נָאךְ מֶער אַז בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין בָּארְד.

אִיךְ ווִיל נָאר פְרֶעגְן אוֹיב מֶען מֶעג אוֹיסְקֶעמֶען דִי בָּארְד, וַוייל בְּשְׁעַת מֶען קֶעמְט דִי בָּארְד פְלִיקְט זִיךְ אַרוֹיס אַסַאךְ הָאר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען מֶעג זִיךְ אוֹיסְקֶעמֶען דִי בָּארְד.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ זַיין שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, נִישְׁט גֵיין צֶעפְלוֹיגְן וְכוּ׳.

מוֹהֲרָא״ש אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם פְּרַט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צֶעפְלוֹיגְן וְכוּ׳. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן בַּאמֶערְקְן וִוי דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נַאס מַאכְן דִי פִינְגֶער אוּן זִיךְ אַזוֹי צַאמְנֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת אֵיידֶער עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּם מַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

עֶס קוּמְט שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶ יָאר, מֶען גֵייט דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען נֶעמְט אַפִּיר אַלֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם יָאר, יֶעדֶער זוּכְט פְּרִישֶׁע זְכוּתִים.

דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, וָואס זִיךְ צוּ מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר - אִיז רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּם מַאן אוּן צוּ דִי קִינְדֶער, נִישְׁט וֵויי טוּן דֶעם מַאן, אִים נִישְׁט אַרַיינְשְׁטֶעכְן מִיט שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער; וואוֹיל אִיז אַ פְרוֹי וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער, וֶועט זִי הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדֶּקֶת, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין".

מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

...

## וַוארְפְט אַוֶועק אַייעֶר סמ׳ טֶעלֶעפָאן און גֵייט צוּרִיק צוּ אַייעֶר מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר נֶעכְטְן גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז עֶנְק לֶעבְּן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳, און וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס זַיין צַעַר. עֶר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז אִיר זָאגְט אִים ״קֶענְסְט זִיךְ גֶטְ׳ן״ וְכוּ׳, עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט יָא צוּרִיק לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר הָאט אַזַא טַייעֶרער מַאן, עֶר אִיז אַזַא גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז פוּל מִיט חֵן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיר קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע ווִידִיאָס פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים, דָאס מַאכְט אַייךְ בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

טַייעֶרֶע ..., אִיךְ וֵוייס אַז אִיר זֶענְט אַ גוּטֶע און אִיר הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, און אַז אִיר ווִילְט בֶּאֱמֶת זַיין גוּט און וואוֹיל, עֶס אִיז נָאר אַז דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן אַייךְ גֶעפַּאנְגֶען אִין זֵייעֶר טוּמְאָה, אִיר זֶענְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַייעֶר סמ׳ טֶעלֶעפָאן, דָאס מַאכְט אִיר זָאלְט נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַייעֶר טַייעֶרער מַאן. אִיךְ בֶּעט אַייךְ טַייעֶרֶע ..., וַוארְפְט אַוֶועק דִי גֶעטְשְׁקֶע, וַוארְפְט אַוֶועק אַייעֶר סמ׳ טֶעלֶעפָאן און גֵייט צוּרִיק צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶע מַאן; אַנְדֶערֶע פְּרוֹיעֶן וָואלְטְן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ הָאבְּן אַזַא מַאן, עֶרְלִיךְ, אֵיידְל, קְלוּג און וָואס נִישְׁט.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַּאר אַייךְ, אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, אָפְּלָאזְן דִי שֶׁעדְלִיכֶע מָאוִויס און וֶוערְן צוּרִיק אַ מַאמֶע פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, און אַ וַוייבּ פַּאר אַייעֶר מַאן.

...

## אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת פוּן מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל וְעַד הָעֵירוּב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת פוּן מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין; דַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן עֵירוּב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, סֵיי מִיטְן בּוֹיעֶן, סֵיי מִיטְן שְׁטֵיין יֶעדְן טָאג פוּנֶעם יָאר זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל אַ כָּשֵׁר׳עֶ מְהוּדָר׳דִיגֶע עֵירוּב.

אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיינֶע זְכוּתִים, עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער אוּן פַאר רְפוּאוֹת.

אִיךְ ווִינְטְשׁ דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין זָאלְן עֶנְק אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְט אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס, אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִחוּם אֲבֵלִים אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּנֶעם טַאטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר מְנַחֵם זַיין אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן דַיין טַאטְן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ מִתּוֹךְ שְׁאַר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, זָאלְסְט נִישְׁט ווִיסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר אוּן פְּלָאג.

זָאלְסְט רוּפְן דַיין מַאמֶע יֶעדְן טָאג, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אָנְצוּהוֹיבְּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן זִיכֶער יֶעצְט וֶוען דַיין מַאמֶע אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַן אַלְמָנָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ רוּפְן יֶעדְן טָאג דַיין מַאמֶע אוּן אִיר אוֹיסְהֶערְן אִירֶע רֵייד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית צוּ לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין לְעִלּוּי נִשְׁמַת דַיין טַאטְן עָלָיו הַשָּׁלוֹם,

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד קֶען טוּן פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן זַיין טַאטֶע, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת פַאר זַיין נְשָׁמָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע פְּלַאן, דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, דִי וֶועלְט הָאט אַ מַנְהִיג, אַ פִירֶער, יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן אוֹיךְ פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַ קְלוּגֶער קָאפּ אָדֶער גֶעלוּנְגֶענֶע הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, בֶּעט אִים יֶעדְן טָאג מִיט אַ תְּמִימוּת אוּן לֵב נִשְׁבָּר עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, זָאלְסְט קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דַיין שְׁטוּב.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ ווִינְקְל אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ, אוּן אַז דִי הַארְץ אִיז קַאלְט אוּן פַארְמַאכְט זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער נָאר מִיטְן מוֹיל אָן קַיין גֶעפִיל, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּצָאלְן מַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן הֶעלְף מִיר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֶען נָאר נַחַת בַּיי זֵיי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרְבֵּייטֶער אָן אַ סמ׳-פָאוֹן אוּן אָן אַ טֶעבְּלֶעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי נַייֶע אַרְבֶּעט וְכוּ׳; גֵיי אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים, אָבֶּער נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ אַרְבֶּעסְט אָן אַ סמ׳-פָאוֹן אוּן אָן אַ טֶעבְּלֶעט, נָאר אַזוֹי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נָאךְ זַיין בַּיי אוּנְז פַארְקֶערְט, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי

בַּעֲלֵי בַּתִּים אִין שְׁטֶעטְל וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעטֶער אַז מֶען קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען דִי מֹחַ מִיט זִיךְ וְכוּ'.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא וַהֲלָכָה, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מַלְאָכִים וָואס וֶועלְן דִיךְ הִיטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ צַייט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיר עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעזָאגְט - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן נִישְׁט צוּרִיק זָאגְן, זַיי מְקַיֵים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו) : "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן זָאל מֶען שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נג.) : "אַשְׁרֵי מִי שֶׁלֹּא חָטָא" ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס זִינְדִיגְט נִישְׁט, "וּמִי שֶׁחָטָא" אוּן וֶוער עֶס הָאט יָא גֶעזִינְדִיגְט - "יָשׁוּב וְיִמְחוֹל לוֹ" זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, יָ'שׁ'וּ'ב' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת יִ'שְׁמַע בִּ'זְיוֹנוֹ יִ'דֹּם וְ'יִשְׁתֹּק, שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוּן מֶען לָאזְט אָפּ דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען דִי שָׁלוֹם בַּיִת. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז) : "דַּע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַארֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגַם יוּכַל

לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", ווייל וָוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילּוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט זִיךְ זַיין ווייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ'. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ, וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", מְמֵילָא אִיז מֶען דֶעמָאלְט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר וֶוען עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן צוּ גֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק אָבִינוּ, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א "תֹאבֶה הָאִשָּׁה" לָ'לֶכֶת אַ'חֲרֶיךָ", דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק אִיז אֱלוּל, אוּן אִינְמִיטְן שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער: "תֹאבֶה הָאִשָּׁה", דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ; ווייל אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, מֶען וִויל נָאר טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען בַּיים אֹהֶל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, עֶס אִיז אַזוֹי גוּט צוּ גֵיין מִפַּעַם לְפַעַם צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ", וֶוען מֶען גֵייט מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֲפִילּוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִיט אֱמוּנָה לֶעבְּט מֶען אַ זִיסֶע לֶעבְּן, אָן זָארְג, אוּן אָן שְׁרֶעק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס לֵייגְט אִין אוּנְז אַרַיין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לג): ״אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן״ בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, ״וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״ אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, ״וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל״ מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, ״רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים״ נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ מִיט אֱמוּנָה לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, עֶר לֶעבְּט אָן זָארְג, עֶר לֶעבְּט אָן שְׁרֶעק, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

אוּמַאן נֵייעֶס: דִי גַבָּאִים אִין אוּמַאן אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר פְלֵייסִיג אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם בִּנְיָן אוֹיף צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען הָאט גְרֶעסֶער גֶעמַאכְט דִי מִקְוֶה, אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעבּוֹיט אַ שַׁאטֶער וואוּ מֶען וֶועט עֶסְן דִי סְעוּדוֹת, אוֹיךְ הָאט מֶען אָנְגֶעגְרֵייט אִין אַלֶע שְׁטִיבֶּער שֶׁענְק אַז דִי שְׁטִיבֶּער זָאלְן זַיין מֶער מְסוּדָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט הוּט אוּן רֶעקֶל, אוּן נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

קוּם אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער, מִיט הוּט אוּן רֶעקֶל; זַיי מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט מֶען דִיךְ מְכַבֵּד זַיין פוּן הִימְל, מֶען וֶועט דִיר גֶעבְּן כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבְּךָ לְטוֹבָה.

בַּיי אַלֶע דְרֵייִ תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט הוּט אוּן רֶעקֶל, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל - וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִפְקַד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִין דִי פַּארְנוּמֶענְסְטֶע צַייט, לוֹיפְסְטוּ אַרוּם פַּארְרֶעכְטְן דִי עֵירוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מֶענִידְזְשֶׁער פוּן דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְן זִיךְ מְנַדֵּב זַיין צוּ טוּן אַלֶעס - אַז דִי עֵירוּב זָאל זַיין כָּשֵׁר יֶעדֶע וָואךְ.

אִין דִי פַּארְנוּמֶענְסְטֶע צַייט, עֶרֶב שַׁבָּת - לוֹיפְסְטוּ אַרוּם פַּארְרֶעכְטְן דִי עֵירוּב, דִי זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין.

...

## דִי פְרוֹיעֶן הַצָלָה זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן הַלָכָה׳דִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶנְקֶער שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס פַארְן מְיַסֵּד זַיין "פְרוֹיעֶן הַצָלָה" אִין שְׁטֶעטְל, אַוֶועק שְׁטֶעלְן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אִין שְׁטֶעטְל; וֶוען אַ פְרוֹי שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט בְּגֶדֶר פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ - זָאלְן זַיין פְרוֹיעֶן וָואס וֶועלְן אִיר קֶענֶען בַּאקוּקְן וְכוּ׳, עֶס זָאל זַיין אֵיידְל אוּן רֵיין.

אִיךְ בִּין דִיךְ מְמַנֶה דוּ זָאלְסְט זַיין אַחֲרָאִי אַז דִי פְרוֹיעֶן הַצָלָה זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן הַלָכָה׳דִיג, עֶס אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט דַיין וַוייבּ צוּם דַיָין שְׁלִיטָ״א אוּן דוּרְכְגֵיין הִלְכוֹת שַׁבָּת וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר הַצָלָה; וָואס מֶען מֶעג טוּן שַׁבָּת אוּן וָואס נִישְׁט, וַוייל צִי אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת; וֶוען דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען דַארְף מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין - טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, אוּן וֶוען נִישְׁט - טָאר מֶען נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען דַארְף מַאכְן מִיט אַ שִׁינוּי, וֶוען מֶען מֶעג נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אוּן וֶוען מֶען זָאל טוּן דוּרְךְ אַ גוֹי וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג דַיין וַוייבּ זָאל אַרַיינְנֶעמֶען דִי פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט וְכוּ׳ אוּן טוּן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל פוּן לֶערְנֶען אַלֵיין פַארְגֶעסְט מֶען, מֶען דַארְף טוּן אִין דֶעם.

דַיין וַוייבּ זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט וָואס פַאר אַ נוּמֶער מֶען זָאל רוּפְן, אוּן וִוי אַזוֹי עֶס זָאל צוּגֵיין וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט, לַיידְט מֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אוֹיף דִיר, נָאךְ אַ יָאר פוּן זִכּוּי הָרַבִּים, נָאךְ אַ יָאר פוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע הֶערְצֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי זְכִיָּה אַז דַיין אַרְבֶּעט אִיז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; לֵידַע וּלְהוֹדִיעַ אַז נָאר דָאס אִיז דִי 'עֵצָה', 'אֱמוּנָה'; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיךְ שִׁיק דִיר נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי 'קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'; זֶע עֶס זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, סֵיי דִי אִינְגְלֶעךְ, סֵיי בֵּית פֵיגָא, אִין אַלֶע שְׁטֶעט, אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, וָואס מֶען לֶערְנְט זִיךְ פוּן דֶעם גוּטֶע מִידוֹת, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

דִי נָאמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז: "אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט לַיידְט מֶען". בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ הִינֶער שְׁטֵייג מִיט הִינְדְלֶעךְ וָואס ווִילְן אַרָאפְּקוּמֶען, אוּן ווִי אַ פְּרוּי הָאלְט אַ לֵייטֶער עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי זִי הָאט עֶס אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִי הִינֶער שְׁטֵייג, אוֹיךְ זָאל זַיין אַ כְּלִי וַואסֶער אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט הִינְדְלֶעךְ אִין פֶעלְד.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען חַיּוֹת אוּן פֵייגְלֶעךְ, אוֹיב מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי הוֹיבְּן זֵיי אָן וֵויינֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטְרָאף.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אַרִיזַ"ל, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ בְּרָכָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, זָאגְט דֶער צַדִיק: "עֶנְק קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וֶועגְן עֶנְק הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי קְלֵיינֶע לֵייטֶער וָואס דִי הִינֶער פְלֶעגְן דוּרְכְדֶעם אַרָאפְּקוּמֶען פוּן שְׁטֵייג טְרִינְקֶען וַואסֶער, דִי הִינֶער הָאבְּן יֶעדֶע מִינוּט צַעַר אוּן וֵוייטָאג, דֶערִיבֶּער הָאבְּן עֶנְק נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, גֵייט שׁוֹין אַהֵיים אוּן

לֵייגְט צוּרִיק דִי לֵייטֶער אַז דִי הִינֶער זָאלְן קֶענֶען אַרָאפְּקוּמֶען טְרִינְקֶען וַואסֶער אוּן קֶענֶען צוּרִיק גֵיין, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער".

דִי פָּארְפָאלְק זֶענֶען אַהֵיים אוּן צוּרִיק גֶעלֵייגְט דִי לֵייטֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען מִיר אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט הָאט אַ סִיבָּה, אוּן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט פֵייגְלֶעךְ אָדֶער חַיוֹת - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי צַעַר פוּן זֵיי - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען זֶעט אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַוֶועקְשְׁטֶעלְן קַאמֶערֶעס אוֹיף דִי גַאסְן אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, חָבֵר הַנְהָלַת קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ וִויל זֵייעֶר מֶען זָאל אַוֶועק שְׁטֶעלְן אוֹיף יֶעדֶע גַאס אִין שְׁטֶעטְל כָאטְשִׁיג אֵיין קַאמֶערֶע וָואס קֶען אָפְּכַאפְּן יֶעדֶע קַאר וָואס פָּארְט אַרִיבֶּער אוּן לֵיינֶען דִי נוּמֶערְן פוּן דִי לֵייסֶענְס, אִין פַאל אַז אוֹיב עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס פַּאסִירְט חַס וְשָׁלוֹם, זָאל מֶען קֶענֶען נָאכְגֵיין אוּן דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעם זוּמֶער, אַ קַאר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן אַ בַּאנְדֶע שְׁקָצִים זֶענֶען בַּאפַאלְן אַ פְרוֹי, זִי הָאט אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ נֵס אִיז גֶעשֶׁען, זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דָאס הָאט אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף דִי קִינְדֶער, עֶס הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין אַ אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע שְׁרֶעק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נִישְׁט צוּ וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין אַ טְרִיט

פון שְׁטוּב. אויךְ הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט פון עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת אַז עֶס אִיז דָא גַּנָּבִים וָואס גַנְבְ'עֶנֶען פָּאסְט; בַּיינַאכְט פָּארְן זֵיי אַרוּם בַּאקוּקְן דִי פָּאסְט קֶעסְטְלֶעךְ, אויךְ פַאר דִי וָואס פָּארְן שְׁנֶעל און לֵייגְן אונְזֶערֶע קִינְדֶער אִין אַ סַכָּנָה.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר כְּסֵדֶר וָואס אִיז דִי אַרְבֶּעט פון דִי הַנְהָלָה, וָואס דַארְפְן עֶנְק טוּן? דָאס אִיז אֵיינֶע פון דִי פְלִיכְטְן פון דִי הַנְהָלָה, זָארְגְן פַאר דִי וואוילְזַיין פון דִי קְהִילָה.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, הֵייבּ אויף דַיינֶע הֶענְט און דַיינֶע אויגְן צוּם הִימְל און זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער, זָאג אויף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, הָאבּ אויף מִיר רַחְמָנוּת, דִי לֶעבְן גֵייט מִיר אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁטוּתִים, אִיךְ פַארְגֶעס פון דִיר, אִיךְ טְרַאכְט פון נארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פון דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר פַאר שֵׁיין שְׁרַייבְּן און רֶעכֶענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר פַאר דִי מְלַמְּדִים וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער שֵׁיין שְׁרַייבְּן און רֶעכֶענֶען; וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה אִין טָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דַיין שְׁוֶוער דֶער מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר דַארְף דַיין הִילְף דוּ זָאלְסְט אִים הֶעלְפְן מִיט דִי פְּרַט; אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי סֵדֶר הַלִּימוּד אויף שֵׁיין שְׁרַייבְּן און רֶעכֶענֶען וְכוּ'.

קֶענְסְט בֶּעטְן הִילְף פוּן בֵּית פֵּיגָא, זֵיי הָאבְּן אַן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעטֶע סֵדֶר פַאר אַלֶע כִּיתּוֹת, וִויפִיל מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען אִין יֶעדֶע יָארְגַאנְג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר.

שְׁטֶעל אוֹיס דַיין טָאג. גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם נָאךְ מַעֲרִיב נָאר מִיט דַיין וַוייבּ, שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מִקְרָא - חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם אוּן רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ, לֶערְן מִשְׁנָה - ח"י פְּרָקִים יֶעדְן טָאג, גְמָרָא - דִי דַף גְמָרָא פוּן דִי קְהִילָה וּבְנוֹסָף לָזֶה זִיבְּן בְּלַאט, אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים; דָאס אַלֶעס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי צְוֵויי שָׁעָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ גֵיין אִין חֵדֶר, וַוארְט אָפּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ. נָאךְ חֵדֶר זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן שְׁפֶּעטֶער זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן זוֹהַר מִיט מֶדְרָשׁ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, קִינְדֶער בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת, קִינְדֶער גֶעבְּט לֶעבְּן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נְדָרִים סד:) "מִי שֶׁאֵין לוֹ בָּנִים", אָן קִינְדֶער אִיז מֶען אַזוֹי וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי אוּמְזִיסְטֶע שְׁרֶעק, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן**

**דִי נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מוֹרָא, אִיךְ זָאל נָאר מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן הָאבְּן קִינְדֶער אוּן זַיין אַ מַאמֶע, אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁרֶעק פוּן דֶעם, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה.**

**אָנָּא ה׳ רַחֵם עָלַי, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן נָאר פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט זָארְגְן טָאג אוּן נַאכְט, אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן אַזוֹי רוּאִיג, אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד אִין דִי מַאמֶעס שׁוֹיס, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹות, אָמֵן״.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה פַאְרְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר שְׁנַת תשפ״ד, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב - בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט צוּ וֶוערְן מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### שְׁמִירָה אִין שְׁטֶעטְל וֶוען מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, חָבֵר הַנְהָלַת קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מֶען דַארְף זֶען עֶס זָאל זַיין שְׁמִירָה אִין שְׁטֶעטְל אִין דִי טֶעג וָואס מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג צוּ אִיבֶּערְלָאזְן אַ גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל פוּן

בְּלוֹיז פְרוּיעֶן אוּן קִינְדֶער, מֶען דַארְף שְׁטֶעלְן שְׁמִירָה בַּיי דִי שׁוּל אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶעלְן אִין יַבְנְאֵל שׁוֹמְרִים אִין דִי טֶעג וָואס אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, פַארְגֶעס נִישְׁט דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיר דִיר אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וֶוען דוּ בִּיסְט מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים עֶסְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער עֶסְן, אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף דִי קִינְדֶער. וַוייל עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי גְלַייכְן נִישְׁט אַ גֶעווִיסֶע עֶסְן, מַאכְן זֵיי חוֹזֶק פוּן דִי וָואס עֶסְן יָא, עֶס וֶוערְט אַ גַאנְצֶע רֵייץ וֶוער עֶס קֶען מֶער לַאכְן פוּן דִי עֶסְן, דַארְף דֶער מְנַהֵל מִיט דִי מְלַמְדִים זַיין בַּיים עֶסְן אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי נִישְׁט צוּ דִי אַרְבֶּעט נָאר נָאכְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַיין אַ מְנַהֵל אָדֶער אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יח) אַז זַיין אַ מְנַהֵל אוּן זַיין אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה - אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עַיֵּין שָׁם. נָאר אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נֶעמֶען דִי מַלְכוּת אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, נָאר דוּרְךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס - קֶען מֶען דָאס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט גוּט עֶס זָאל זַיין אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט אַז זִי הָאט סְפֵיקוֹת וָואס זִי וִויל פְרֶעגְן אוּן דוּ ווִילְסְט נִישְׁט קוּמֶען פְרֶעגְן, זִי בֶּעט אִין דִי בְּרִיוו מִיט אֵימָה וָפַחַד, אִיךְ זָאל דִיר נִישְׁט זָאגְן אַז זִי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן.

עֶרְשְׁטְנְס, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט עֶס זָאל זַיין אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ, אוֹיבּ דִי וַוייבּ אָדֶער דִי מַאן הָאבְּן אַן אֵימָה וָפַחַד אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן - אִיז דִי שְׁטוּבּ גֶעבּוֹיט נִישְׁט גֶעזוּנְט. צְוֵוייטְנְס, מֶען מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועם מֶען פְרֶעגְט אַלֶע סְפֵיקוֹת, צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אִין יֶעדֶע דוֹר צַדִיקִים וָואס קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ וֶועג וַוייזֶער אַ צַדִיק וָואס זָאל דִיר הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן, אַ וֶועג וַוייזֶער וָואס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים טז, יח): ״שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ״, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ נֶעמֶען אַ פִירֶער; שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְרַאגֶע, וֶועם נֶעמְט מֶען פַאר אַ מַנְהִיג? וֶועם נֶעמְט מֶען פַאר אַ וֶועג וַוייזֶער? ״אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ״, אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט דִיר אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין אַיינְשְׁטִימִיג מִיט דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, טְבֶרְיָ׳**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד, מִיר הָאפְן אַז אִיר זֶענְט אוֹיךְ צוּפְרִידְן פוּן אוּנְז.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מִיר זָאלְן זַיין אוֹיף אֵיין בְּלַאט, עֶס אִיז לְטוֹבָה פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַיינְשְׁטִימִיג מִיט דִי מוֹסָד, אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נִישְׁט - שְׁפִּירְט מֶען עֶס אִין דִי לוּפְט, דִי קִינְדֶער וֵוייסְן דָאס אוּן שְׁפִּירְן דָאס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג מִיט דִי מוֹסָד - וֶוערְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ. מִיר זֶעעֶן דָאס אִין חֵדֶר אוּן אִין בֵּית פֵיגָא אוֹיף דִי קִינְדֶער, אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט רוּאִיג, זֵיי זֶענֶען צֶעמִישְׁט וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## חִינוּךְ אִיז, זִיךְ אַלֵיין פַארְעֶכְטְן, מִיט אַסאךְ תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, בֶּעט יֶעצְט וֶוען אַלֶעס אִיז נָאךְ גוּט, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וֶוען זֵיי הָאבְן נָאכְנִישְׁט דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, וַוייל נָאר מִיט תְּפִלּוֹת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן - הָאבְן זֵיי גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפֶער אַ קִינְד, זֵיי הָאבְן גֶעזֶען

אויף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט רוט אויף אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם קִינְד וואו עֶר וואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דֶעם טַאטְן, אִים נָאכְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד, אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד וָואס דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי קוּמְט צוּ אַזַא פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד אַזַא הֵיילִיג קִינְד.

זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעפְרֶעגְט, בִּיז דִי וַוייבּ הָאט גֶעזֶען וִוי זֵיי עַקְשְׁנְ׳עֶן זִיךְ, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי זְמִירוֹת, בַּיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם יוֹם וֶוען אִיר מַאן קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער: "וְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת" - וֵויינְט עֶר, עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי חַזֶרְ׳ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן שַׁבָּת; הָאבְּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער גֶעזָאגְט, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי וִוי קוּמְט אַזַא הֵיילִיג קִינְד צוּ אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶער קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער צַדִּיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן אַזוֹי; זֵיי וֶועלְן אויךְ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, זֵיי וֶועלְן אויךְ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. חִינוּךְ אִיז - זִיךְ אַלֵיין פַארְרֶעכְטְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אויף דִי וַוייבּ, קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה - דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִתְנַדֵּב זַיין בּוֹדֵק צוּ זַיין דִּי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל דִּי גַאנְצֶע יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל הַקּוֹדֶשׁ פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין בּוֹדֵק צוּ זַיין דִּי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל דִּי גַאנְצֶע יָאר תשפ״ד - יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב.

בִּזְכוּת הַמִּצְוָה הַזֹּאת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת, אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וָואס אִיז דִּי סוֹד פַארְוָואס דִּי מוֹסְדוֹת זֶענֶען אַזוֹי מַצְלִיחַ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ יָאר בֵּית פֵיגָא, אוֹיךְ אִין בְּנֵי בְּרַק הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ בֵּית פֵיגָא; עֶס קוּמֶען צוּרִיק הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן, וִוי מֶען לֶערְנְט מִיט דִּי תַּלְמִידוֹת דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ דִּי חֲדָרִים גֵייעֶן אָן, מִיר הוֹיבְּן אָן נָאךְ סוּכּוֹת דִּי נֵייעֶ כִּיתּוֹת; יֶעצְט בִּיז סוּכּוֹת זֶענֶען דִּי קִינְדֶער מַמְשִׁיךְ מִיט זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים פוּן בִּיז אַהֶער.

דִּי יְשִׁיבוֹת גֵייעֶן אָן זֵייעֶר שֵׁיין, מִיר הָאבְּן דְרֵיי שֵׁיינֶע יְשִׁיבוֹת; אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; וֶוער הָאט דָאס גֶעקֶענְט אוֹיסְטְרַאכְטְן, אַז אִין אַזַא קוּרְצֶע צַייט זָאל זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַזַא הֶערְלִיכֶע קְהִילָּה מִיט אַזוֹיפִיל מוֹסְדוֹת אִיבֶּער דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: ״וָואס אִיז דִּי סוֹד?״ דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, תְּפִלּוֹת וּבְכִיּוֹת פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִּי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג,

קוּם זִיךְ אוֹיפְפִרִישְׁן; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רוּט נִישְׁט, עֶר קוּמְט יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי מִיט נֵייעֶ נִסְיוֹנוֹת, נֵייעֶ פֵייעֶרְן, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן 'מֶען הָאט שׁוֹין פָאריגֶע וָואךְ גֶעהֶערְט אַ שְׁמוּעֶס פוּן חִיזּוּק וְכוּ', מֶען דַארְף פְּרִישֶׁע חִיזּוּק, פוּן פְרִישׁ נָאכְאַמָאל הֶערְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב פַאר דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אוּנְזֶער כּוֹלֵל, וואוּ אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה גְּדוֹלָה, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶע וָואס נֶעמֶען אַ חֵלֶק אַז דִי כּוֹלֵל זָאל אָנְגֵיין.

לְעֵת עַתָּה קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ; דִי אָפִיס אִין יְשִׁיבָה אִיז חָרוּב, וַואסֶער אִיז אַרַיין אִין אָפִיס אוּן גֶעשְׁטַאנֶען אַ גַאנְץ זוּמֶער, מֶען דַארְף אַלֶעס אִיבֶּערְמַאכְן, אִיז בִּיז דֶערְוַוייל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁרֵייסְט נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט עֶרְלִיךְ, דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ. אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, וִוי דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִיר, דוּ רֶעדְסְט שַׁארְף צוּ אִיר; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וִוי מֶעג מֶען אַזוֹי רֶעדְן? וִוי מֶעג מֶען זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן?

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן, אוּן אִיךְ ווִיל זִיכֶער מַאכְן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ עֶרְלִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁרַייבּ מִיר, הַאלְט אָן דַיין קֶשֶׁר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## שִׁיקְן קְלֵיידֶער אוּן שִׁיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ סְטֶעטְן אֵיילֶענְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט אַ נֵייעֶם פְּרָאיֶעקְט, מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן שִׁיקְן קְלֵיידֶער, שִׁיךְ וְכַדוֹמֶה - קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי גַבָּאִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זֵיי זָאגְן אַז דָארְט אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן אַמֶערִיקֶע, דָארְט עֶרְלוֹיבְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי ווִי דָא צוּ קוֹיפְן כְּסֵדֶר נֵייעֶ קְלֵיידֶער פַּאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען קְלֵיידֶער אוּן שִׁיךְ - וֶועט דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע הִילְף פַּאר זֵיי.

דָא אִין אַמֶערִיקֶע, אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְדִינְט נִישְׁט - בַּאקוּמְט עֶר הִילְף פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, עֶס אִיז דָא פְּרָאגְרַאמֶען פַאר עֶסְן, צוּ בַּאצָאלְן הֵייצוּנְג, פַאר דִירָה גֶעלְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָארְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דָארְט אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְדִינְט נִישְׁט - הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיף אַיינְצוּקוֹיפְן עֶסְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט קְלֵיידֶער, אוּן אַז מִיר וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן שִׁיקְן קְלֵיידֶער מִיט שִׁיךְ וְכַדוֹמֶה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וֶועט דָאס מֵיינֶען גָאר אַסַאךְ פַּאר זֵיי.

לָאז מִיר ווִיסְן וֶוען מִיר קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דו רֶעדְסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דו בִּיסְט בְּרֶסְלֶב?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶערְמַאנְט אוּנְז פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; ווִיפִיל מִיר פַארְגֶעסְן אוּן מִיר גֵייעֶן צוּרִיק צוּ אוּנְזֶערֶע שְׁטוּתִים - קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן וֶועקְט אוּנְז, אוּן דֶערְמַאנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וָואס אִיז דִי לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים? אַלֶע צַדִיקִים רֶעדְן דָאךְ פוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן; פוּן תּוֹרָה, פוּן תְּפִלָּה, פוּן אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ', וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַלֶע צַדִיקִים ווַייזְן דִיר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער צַדִיק זָאגְט - דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען הוֹיךְ, דֶער צַדִיק זָאגְט - דָאס אִיז דִי וֶועג וְכוּ', ווִידֶערְאוּם דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי עֶפְנְט אוּנְז דִי אוֹיגְן מִיר זָאלְן זֶען אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים.

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים טז, יח): "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ", מֶען זָאל שְׁטֶעלְן מַנְהִיגִים, דִי שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי ווֵייסְט מֶען צוּ וֶועלְכֶער מַנְהִיג צוּ גֵיין? מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִיק אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, זֵיי ווָאוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מִיט אַסַאךְ גוּטֶע אִידְן, וֶועם זָאלְן זֵיי נֶעמֶען פַאר אַ רֶבִּי? הָאט דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה: "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ", מֶען זָאלְן מְמַנֶה זַיין אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אוּן אִין יֶעדֶע גֶעגֶנְט רַבָּנִים אוּן דַיָנִים, וֶועלְכֶער מַנְהִיג זָאל מֶען אוֹיפְנֶעמֶען? "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ" אַ מַנְהִיג וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִין עֶנְק 'דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים׳.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, וֶוען אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ רֶעדְט מִיט אַ פְּרֶעמְדֶער, וֶוען יֶענֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין רֶבִּינְ׳ס חֵדֶר, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - וֶועט יֶענֶער פְּרֶעגְן: "דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב?" וַוייל נָאכְן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן הֶערְן וִוי אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס קוּמְט אַרַיין אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ" - וֵוייסְט מֶען שׁוֹין אַז דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי וָואךְ נָאךְ אַ שׁוּלֶע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ בֵּית פֵּיגָא אִין בְּנֵי בְּרַק; אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן וִוי דִי לֶערֶערִינְס אַרְבֶּעטְן גֶעטְרֵיי, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה מִיט שִׂמְחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַאר קִינְדֶער

### אִיךְ רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוָּוענֶען

"מִיסְטֶער, קֶען יוּ גִיוו מִי טוּ דָאלַער פָאר דִיס פִּיס?"

"שַׁא... נוּ... שַׁא..."

"מִיסְטֶער, גִיוו מִי וָואן דָאלַער..."

"נוּ... שַׁא..."

דֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט פַארְן דַאוֶּועגֶען, אֲפִילוּ עֶר קֶען מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַיְהִי הַיּוֹם, רֶבִּי אַבְרָהָם זִיצְט מִיט טַלִית וּתְפִילִין אוּן אַ גוֹי קוּמְט צוּ אִים מִיט אַ טֵייעֶרֶע שְׁטִיק גָאלְד וָואס אִיז וֶוערְד אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶער אוּן פְרֶעגְט אִים: "מִיסְטֶער, קֶען יוּ גִיוו מִי טוּ דָאלַער פָאר דִיס פִּיס?" אוֹיבּ עֶר ווִיל אָפְּקוֹיפְן דֶעם שְׁטִיק גָאלְד פַאר צְוֵויי דָאלֶער, "שַׁא... נוּ... שַׁא..." - עֶנְטְפֶערְט אִים רֶבִּי אַבְרָהָם, זָאגְט דֶער גוֹי: "מִיסְטֶער, גִיוו מִי וָואן דָאלַער..." עֶר אִיז גְרֵייט



"נוּ... שַׁא..."

עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אֵיין דָאלֶער, אָבֶּער רֶבִּי אַבְרָהָם עֶנְטְפֶערְט אִים: "נוּ... שַׁא...", דֶער גוֹי זֶעט אַז דֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם בְּרֶעכְט נִישְׁט זַיין גוּטֶער מִנְהָג, עֶר רֶעדְט נִישְׁט פַארְן דַאוֶוענֶען אוּן זִיכֶער נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוֹיבּ גֵייט דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

דֶער גוֹי גֵייט צוּ אַ צְוֵוייטְן, יֶענֶער זֶעט וִוי שֵׁיין דִי שְׁטִיק גָאלְד אִיז, אוּן פַאר אֵיין דָאלֶער קֶען עֶר וֶוערְן אַ מִילְיָאנֶער, קוֹיפְט עֶר דָאס גְלַייךְ אָפּ אוּן וֶוערְט אַ רִיזִיגֶער עוֹשֶׁר.

אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל אִיז גֶעוָוארְן אִין הִימְל, רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אַבִּי נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַארְן דַאוֶוענֶען, מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל אַז פַארְן אַוֶועק גֶעבְּן אַ שְׁטִיק גָאלְד נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַארְן דַאוֶוענֶען וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן אַ קִינְד אַ שְׁטִיק גָאלְד, עֶר וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד מִיט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ קִינְד ווִיל דִיךְ שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, עֶר רֶעדְט צוּ דִיר, עֶר שְׁטֶערְט דִיר - וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל בַּיים דַאוֶוענֶען רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.